בס"ד
שבת מברכים תמוז | ר"ח יום שני שלישי | המולד יום שני (בוקר) 6:46 | 16 חלק
שבת מברכים

# דער בלעטל טיב הקהילה אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

**קרח**
**כ"ח סיון תשפ"ו**

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 7:10 |
| מוצש"ק | 8:28 |
| ר"ת | 9:03 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:10 | סוז"ת א' | 9:40 |
| סוזק"ש ב' | 9:03 | סוז"ת ב' | 10:15 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': קצ"א
שנה ד'

## טיב הפרשה

# דער חילוק צווישן מחלוקת לשם שמים און נישט לשם שמים

## ולא יהיה כקרח ועדתו

אין די וואכענדיגע פרשה איז די תוה"ק מאריך ארומצורעדן איבער מחלוקת און איבער די מחלוקה וואס קרח האט געפירט קעגן משה רבינו.

אין די ספרי קודש מוטשעט מען זיך זייער שטארק צו פארשטיין די מחלוקה פון קרח מיט משה רבינו. מען רעדט דאך פון דער דור דיעה, זיי האבן געלעבט אין א צייט ווען משה רבינו האט גערעדט פנים אל פנים צו הקב"ה, אלעס איז געווען אפען, קלאר, לויטער, ריין, ווי קומט עס אז קרח זאל קענען האבן טענות אויף משה רבינו?

די קשיא ווערט גרעסער נעמענדיג אין באטראכט ווער איז געווען דער בר פלוגתא. קרח האט זוכה געווען צו זיין פון די נושאי ארון ברית ה', פון די שבט לוי, פון די בני קהת, ווי קומט עס צו אים אזא זאך?

די פרשה איז העכער פון אונזער השגה. מיר זענען צו קליין ארויסצוהאבן און פארשטיין מיט א קלארקייט וואס איז דארט געווען אבער תורה היא וללמוד אנו צריכים.

ווען מען האט אמאל געפרעגט דער הייליגער חידושי הרי"ם זי"ע דערוועגן, האט ער געזאגט א מורא'דיגע הגדרה אז פון די אלע חטאים עוונות ופשעים וואס די אידן אין מדבר האבן עובר געווען איז געווארן פון זיי א שטיק תורה, אבער מיר זענען אזוי קליין אז פון אונזערע מצות ווערט גארנישט...

דער חידושי הרי"ם האט אויסגעפירט מיט דעם אז עס איז זיכער אז מיר האבן נישט קיין שום השגה וואס עס האט זיך דארט אפגעשפילט, און אז עס איז העכער פון אונזערע השגה.

מיר פארשטייען נישט וואס עס האט דארט פאסירט, אבער אין די זעלבע צייט דארף זיין קלאר אז יעדע זאך וואס די תוה"ק שרייבט איז בדרך לימוד, אז מיר זאלן זיך ארויסלערנען פון איר לימודים, א דרך מוסר, ווייל די תוה"ק איז נישט בלויז א ביאגראפישע געשיכטע, א שילדערער וואס שילדערט די היסטארישע געשעענישן פון כלל ישראל.

מיר חזר'ן שטענדיג די ווערטער פון זוה"ק [חלק ג', קמ"ט] 'וּמָאן דְּאָמַר דְּהַהוּא סִיפּוּרָא דְּאוֹרַיְיתָא לְאַחְזָאָה עַל הַהוּא סִפּוּר בִּלְבַד קָאָתֵי, תִּיפַּח רוּחֵיהּ' - אז ווער עס קוקט אן די תוה"ק ווי א מעשה ביכל איז עס א הארבע זאך און דער זוה"ק געבט אים א קללה.

ווען מען באטראכט די פרשה פון קרח זעט מען אז עס איז ארויסגעקומען אסאך שטארקע לימודים פון די פרשה. אויסער די לאו פון מחלוקת וועלכע מען לערנט ארויס לויט געוויסע ראשונים פון דער פסוק 'ולא יהיה כקרח ועדתו', איז דא נאך אסאך לימודים וואס די מעשה לערנט אונז אויס.

נאר איך האב זיך מתבונן געווען אז מ'דארף אויך אפלערנען דער

## טיב המערכת

### אַנְשֵׁי שֵׁם

עס ווערט דערציילט אויף א איד וואס איז געקומען צו זיין רבי מיט א שאלה, און אזוי האט ער אים געפרעגט, וויבאלד אונזערע הייליגע חז"ל זאגן דאך אז 'כָּל הַבּוֹרֵחַ מִן הַכָּבוֹד, הַכָּבוֹד רוֹדֵף אַחֲרָיו', דאס מיינט אז ווער עס אנטלויפט פון כבוד וועט דער כבוד אים נאכיאגן, און דא איז שוין אזויפיל יארן וואס איך אנטלויף פונם כבוד און נאך אלץ זע איך אז דער כבוד יאגט מיר נישט נאך? האט אים זיין רבי געענטפערט: דער פראבלעם איז, אז דו אנטלויפסט פון כבוד, אבער די גאנצע צייט דרייסטו דיך אויס אויף צוריק, צו זען אויב דער כבוד לויפט דיר נאך, און דעריבער קומט ער נישט דיר נאכצויאגן...

די הייליגע חז"ל געבן אונז צו פארשטיין, אז די גרויסע טעות פון קרח איז געווען, וויבאלד ער האט געזען ברוח הקודש אז עס וועט ארויסקומען פון אים שמואל הנביא וואס אויף אים שטייט אז ער איז געוואויגן אנטקעגן משה און אהרן, און אויב אזוי איז ער דאך גרעסער ווי משה און אהרן, אבער אין אמת'ן אריין האט קרח זיך געדארפט אליין זען לויט וואס ער איז יעצט, און וואס איז זיין מדריגה אין וועלכע ער טוט זיך יעצט געפינען, און נישט פראבירן צו צו זיין דאס וואס ער איז יעצט נישט פאסיג דערצו, טראצדעם וואס ער האט געזען ברוח הקודש אז ער האט זייער א גרויסע מעלה.

אינדערצייט פון קבלת התורה, האט זיך דער אויבערשטער געדרייט מיט די תורה ביי אלע פעלקער, און האט זיי מציע געווען צו מקבל זיין די תורה, און פאר יעדער פאלק האט ער אראפגעלייגט דער זאך וואס איז שווער פאר זיי, ווי 'לֹא תִּרְצָח' פאר די יִשְׁמְעֵאלִים, 'לֹא תִּגְנֹב' פאר די בְּנֵי עֵשָׂו, און אזוי ווייטער. און וואס איז געווען די שווערע הצעה וואס מען האט אראפגעלייגט פאר די אידן? ברענגט דער הייליגער 'שם משמואל' אין זיין ספר אין נאמען פון זיין טאטן דער 'אבני נזר', אז 'הַגְבֵּל אֶת הָהָר וְקִדַּשְׁתּוֹ', דאס איז די שווערע הצעה וואס מען האט מציע געווען פאר די אידן, וויבאלד פאר א איד איז שווער זיך איינצוהאלטן פון ארויפגיין, וויבאלד פון זיין עצם נאטור האט ער א שאיפה ארויפצוגיין אויף הויכע מדריגות, אבער דער באשעפער לערנט אונז אויס אז צומאל דארף מען זיך אפשטעלן און מען זאל נישט פראבירן צו אנקומען צו א הויכן ארט וואס איז נאכנישט לויט זיין מדריגה, וויבאלד פון דארט קען מען חלילה אראפפאלן, נאר יעדער איינער זאל ארויפגיין צוביסלעך, טריט ביי טריט, לויט זיינע כוחות און לויט זיינע מעגליכקייטן.

אסאך מאל ווילן אונז אמת'דיג ארויפגיין און שטייגן, וויפיל מאל האבן מיר שוין באשלאסן אז מיר גייען זיך טוישן און מער נישט זיין אזוי גשמיות'דיג, און פון יעצט און ווייטער וועלן מיר ממש זיין עובדי ד', אבער צו אונזער שטוינונג געבן מיר א בליק אויף צוריק און מיר זעען אז עס איז נישט געלונגען, מיר שטייען אבער נישט פארוואס, איך האב דאך אפילו נישט געוואלט קיין כבוד, און מיין גאנצע ציל איז דאך געווען לשם שמים?! דאס איז אבער נישט דער רצון ד', נאר דער אויבערשטער וויל אז מיר זאלן טון אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהלים 'וְלֹא הִלַּכְתִּי בִּגְדֹלוֹת וּבְנִפְלָאוֹת מִמֶּנִּי', דאס מיינט אז דער אויבערשטער וויל אז איך זאל אים דינען לויט מיינע כוחות און לויט די מדריגה אין וועלכע איך טו זיך יעצט געפינען, און אין די זעלבע צייט זאל איך האבן א שאיפה צו ווערן העכער און צו שטייגן מער און מער.

(עפ"י טיב התורה – קרח)

טיב הודעות
מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

וועג ווי אזוי דער זוה"ק שטעלט אוועק די מעשה פון קרח. די תורה הק׳ איז פול מיט מצות עשה און לא תעשה׳ס, אבער אייביג וועט מען לערנען איבער די עשה און איבער די לא תעשה דורך די תורה, נישט דורך א מעשה, דא הייבט אן די תורה הק׳ דערציילן די מעשה מיט קרח און פון דעם קומט ארויס אן איסור.

עס קען זיין אז די סיבה דערצו נעמט זיך פון דעם ווייל די עבירה פון מחלוקת איז היבש אנדערש ווי אלע אנדערע עבירות וואס מיר קענען. אינדערצייט וואס אנדערע עבירות האט א משיכה און דער מענטש גלוסט צו איר איז די עבירה פון מחלוקת.

עס איז טאקע דא אזאנע וואס זייער הארץ ציט צו מחלוקת, אבער רוב מענטשן ווילן זיך צוריקהאלטן פון מחלוקת. דער סטאנדארטישער מענטש זוכט נישט קיין מחלוקת, און אויך ווען ער ווערט פארמישט אין א מחלוקה וועט ער נישט ווילן האבן א חלק אין איר.

פאר׳ן מענטש פעלט דער נאטורליכער צוציאונג פונקט צו די עבירה, אויך ווען ער וועט עס טון וועט עס זיין געצווינגענערהייט, אבער דאן וועט ער שפירן אז עס איז ממש א מצוה, אז ער מוז עס טון, אז עס וועט אים נישט איינפאלן אז ער איז בעצם עובר דא אן עבירה.

אנדערש ווי אסאך אנדערע עבירות ווי דער מענטש זעט שווארץ אויף ווייס אז ער איז עובר אן עבירה, איז די עבירה פון מחלוקת. אין אנהייב וועט ער בכלל נישט זוכן צו זיין א חלק פון איר, אבער אויך ווען ער ווערט שוין נאכגעשלעפט נאך איר, וועט ער שפירן אז דאס מוז געשען און אז די געשעעניש איז גאר א דבר מצוה.

עס איז גרינג צו ווערן איבערגערעדט און פארבלענדעט אין די עבירה פון מחלוקת. צו פארמיידן אז מ׳זאל זיך נישט נארן און מיינען אז מען איז גאר מקיים א מצוה, אז מ׳זאל האבן פאר זיך א קלארע בילד ווי אזוי מ׳ווערט אומוועלענדיג נאכגעשלעפט נאך מחלוקה׳ס, האט די תוה"ק אנגעהויבן צו רעדן פון די עבירה מיט א לעבעדיגע ביישפיל ווי אזוי עס זעט אויס און וויאזוי די זאכן אנטוויקלען זיך אז מ׳זאל האבן פאר זיך דער בילד פון א מחלוקה, אז מ׳זאל זען אלעס מיט א קלארקייט, ווייל אז אלעס ליגט פאר די אויגן, ווייסט מען ווי אזוי זיך אבטונג צו געבן.

די מחלוקה פון א קרח איז א שטארקער מוסטער. ביי די מחלוקה טרעפט מען אלע פארבן וויאזוי א מענטש קען זיך אזוי גרינג טועה זיין און ווערן אריינגעשלעפט אין די מחלוקה. עס הייבט זיך אן מיט דעם אז קרח איז געווען א גרויסער מענטש, פון די נושאי הארון, און עס גייט ווייטער מיט דעם אז קרח האט געהאט שטארקע טענות קעגן משה רבינו, אבער די אלע ענינים האט נישט געהאלפן פאר קרח ווייל מחלוקה איז נאך אלץ א שטארקע עבירה.

עס איז ידוע וואס דער הייליגער צדיק דער בעל ישמח משה זי"ע איז מעיד אויף זיך אליין אז ער איז געווען ביי די מחלוקה פון קרח און משה רבינו. ווען מ׳האט אים געפרעגט וואס איז געווען זיין מיינונג דערוועגן? האט ער געזאגט אז ער איז געשטאנען אינדערצווישן און זיך נישט געמישט.

ווען די אנוועזענדע וואס האבן געהערט די געשיכטע האבן אויסגעדרוקט וואונדער, ווי אזוי קען זיין אזא זאך, און ווי אזוי איז נישט געווען ביי אים א דבר פשוט אז ער זאל לויפן צו משה רבינו? האט ער זיי געגעבן צו פארשטיין, אז די מצב איז נישט געווען אזוי פשוט ווי מ׳מיינט, און זאכן זענען געווען פיל מער פארנעפעלטער ווי זיי זען היינט אויס.

דאס אלעס ווייזט אונז אז טראץ וואס זאכן זעען אויס אזוי קלאר, זענען זיי געווען מורא׳דיג אומקלאר אין יענער צייט. אז מ׳זאל זיך נישט נאכאמאל טועה זיין, קומט די תוה"ק דא און לייגט אראפ די שטארקע און קלארע יסודות אז מ׳זאל וויסן ווי איין און ווי אויס, און ווי אזוי אנצוקוקן א מחלוקה און זיך היטן פון ווערן נאכגעשלעפט נאך איר, און נאר נאכדעם וואס מען האט די יסוד פאר די אויגן מיט א קלארקייט ווייסט מען זיך ווי אזוי צו היטן אויף לעתיד און נישט דורכפאלן.

זאל הקב"ה געבן אז מ׳זאל זיך אייביג קענען אפהיטן און בלייבן אפגעשיידט און האבן די קלארקייט אין יעדן מצב און נישט ווערן נאכגעשלעפט נאך די רוחות רעות וואס בלאזן אין די גאס, נאר בלייבן קלאר מיט די אמונה לעולם ועד.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית
### געשריבן הזהך לײַנעדס

# א וועג אויף צוריק

נאך לענגערע וואכן פון גרייטונגען האב איך זיך ארויסגעלאזט אויפ׳ן וועג פון מיין הויז און וואוין־אָרט, קיין אמעריקע.

נאך א לענגערע רייזע האב איך געלאנדעט אין ניו יארק. הארט נאכ׳ן לאנדן האב איך דערהאלטן די ידיעה אז מיין שוועגערין איז פלוצלונג אוועק פון די וועלט. וויסנדיג ווי שווער מיין בני בית וועט אננעמען די ידיעה און אז כ׳מוז זיין דארט מיט איר ביי די לויה און אויך שפעטער איר צו מוטיגן ביי די רייזע בין איך געבליבן אין עירפארט און זיך נאכגעפרעגט ביי די לופטליניע צי זיי האבן א פליגער צו קענען צוריקפארן מיט איר.

אלע פליגערס זענען געווען אנגעשטאפט מיט מענטשן, עס איז נישט געווען אין איר קיין איין איבריגע זיץ. דער מצב האט אויסגעזען האפענונגסלאז, אבער כ׳האב נישט געוואלט הייבן קיין הענט, איך האב ווייטער פראבירט צו זוכן אן ארט שעפשענדיג א תפילה צו הקב"ה ער זאל באגליקן מיינע וועגן און כ׳זאל קענען קענען טרעפן א וועג צוריק צו זיין ביי די לויה.

שטיינדיג ביי די טישלעך פון די לופטליניע, איז פלוצלונג אריינגעקומען א רוף פון א מענטש וואס האט געוואלט אפזאגן זיין געפלאנטע רייזע אויף די פליגער וואס דארף ארויספארן אין די שעה.

אויפ׳ן ארט האב איך באקומען יענעמ׳ס זיץ און זיך ארויפגעזעצט אויפ׳ן פליגער און זיך געזען אויפ׳ן וועג אהיים קיין ארץ ישראל.

נאר שפעטער האב איך באקומען א קלארקייט אין דער בילד. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער פליגער מיטוועמען איך בין געוועלט אהיימגעפארן האט שוין לאנג געדארפט זיין אין די לופטן, אבער צוליב א טעכנישער טעות איז זי געבליבן געשטראנדעט אין אמעריקע פאר נאך א שעה און איך האב געקענט מאכן די וועג אויף איר.

איך האב עספיעט צו זיין אנוועזענד ביי די לויה און צו קענען זיין דארט זייטיג צו מיין בני בית אין אזעלכע שווערע מינוטן.

(דערציילט דורך דער בעל המעשה: ק.ס.)

די פאראינטרעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר׳ שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922



# בין אדם לחבירו

**"קֹרַח שֶׁפִּקֵּחַ הָיָה, מַה רָאָה לִשְׁטוּת זֶה וכו'"**

**רש"י טז, ז**

אין ספר **שיח שרפי קודש** (פרשת קרח) ווערט געברענגט אין נאמען פון **הרה"ק דער רבי ר' דוד לעלובער זצוק"ל**, אז ער האט מפרש געווען די ווערטער פון רש"י הקדוש, ווי פאלגנד: קֹרַח שֶׁפִּקֵּחַ הָיָה, **מַה רָאָה לִשְׁטוּת זוֹ "לִהְיוֹת פִּקֵּחַ"**... און ער פירט אויס: "וְעָמֹק הוּא".

אויך ווערט דאס געברענגט אין נאמען פון **הרה"ק דער רבי ר' בונם פון פשיסחא זצוק"ל**, אז ער האט מפרש געווען אז קרח האט זיך געהאלטן פאר א פִּקֵּחַ, "איז דערפאר, האט ער זיך נישט גערדייט ביי קלוגער'ס", און דעריבער, וויבאלד ער איז נישט געקומען זיך אויסצולערנען פון די חכמים, איז ער געבליבן מיט זיין שטות...

אבער אינעם שיח שרפי קודש ווערט אנטפלעקט אביסל פון די טיפקייט פונעם ענין, וויבאלד מיר נעמען אָן (סוטה ג.) אז "אֵין אָדָם חוֹטֵא אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנְסָה בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת", קומט אויס אז פאר ער האט געטון די עבירה איז ער געווען א קלוגער מענטש, און יעצט אז ער האט געזינדיגט דארף מען פארשטיין 'מַה רָאָה לִשְׁטוּת זוֹ'.

עס איז אבער דא א גרויסער חילוק צווישן עבירות שבין אדם למקום און עבירות שבין אדם לחבירו, ווייל ווען דער מענטש איז מיט זיך אליין לאזט ער פאר זיין יצר הרע אים איינצורעדן מיט פאלשע דמיונות פון תאוות און נארישקייטן, און מיט פארשידענע תירוצים און הֶתֵּרִים, ביז ער פארלירט זיין שכל און ער ווערט א שוטה אין דעם ענין.

מה שאין כן ביי עבירות וואס זענען בין אדם לחבירו, וועט ער אוודאי נישט פאלגן דער יצר הרע און ער וועט נישט אננעמען פון אים זיינע הֲבָלִים, און דער יצר הרע דארף אים איבעררעדן מיט ווערטער וואס זענען כאילו מיט קלוגשאפט, פונקט אזוי ווי דער פוקס וואס דורך זיין כיטרישקייט כאפט ער זיין קרבן אין זיין נעץ. פון דעם קומט אויס, אז ביי עבירות שבין אדם לחבירו דארף זיך דער יצר באניצן מיט קלוגשאפט און מיט עצות כדי אים אריינצוציען אין א מחלוקת און אין צארן און אין קריגערייען, וויבאלד פון זיך אליין וועט זיך דער מענטש נישט אריינלאזן אין אזא נארישקייט, אריינצוגיין אין כעס און מחלוקת, און קאליע מאכן זיין זעל און חרוב מאכן זיין לעבן מיט די אייגענע הענט.

און אזוי האבן די הייליגע חז"ל געזאגט, אז קרח האט איינגערעדט די צוויי הונדערט און פופציג רָאשֵׁי סַנְהֶדְרָאוֹת דורכאויס די גאנצע נאכט, דורך פארשידענע עצות און תחבולות וואס ער האט אויסגעטראפן דורך זיין פקחות און שארפקייט כדי זיי אריינצוברענגען אין די מחלוקת, אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין מדרש.

און דאס איז וואס רש"י ז"ל האט זיך געוואונדערט – "קֹרַח שֶׁפִּקֵּחַ הָיָה", אזוי ווי מיר זעען פון דעם וועג וויאזוי ער האט איבערגערעדט די צוויי הונדערט און פופציג ראשי סנהדראות. "מַה רָאָה לִשְׁטוּת זֶה", דאס הייסט, צוליב וואס האט ער זיך אויסגעוועלט "לִהְיוֹת פִּקֵּחַ"... ווייל עס וואלט דאך בעסער געווען אז ער זאל זיין אן זיין קלוגשאפט און שארפקייט, נאר ער זאל אננעמען באהבה די הנהגה פון השי"ת און זיינע קנעכט די צדיקים, בֶּאֱמֶת וּבִתְמִים, אן קיין שום הִתְחַכְּמוּת, וְשִׂפְתֵי פִּי חָכָם חֵן.

***

אין די שטאט **שאוועל יצ"ו** האט געוואוינט אן אלטע פרוי, וואס אירע קינדער האבן געוואוינט אין די שטאט **בריסק יצ"ו**. נאך די פטירה פון איר מאן איז זי געבליבן אן אלמנה אליין, און אירע געטרייע קינדער זענען געקומען שטענדיג איר צו באזוכן, און צווישן זיך האבן זיי געמאכט א סדר ווער עס וועט קומען און זיין ביי איר פאר שבת קודש, אזוי אז יעדע שבת איז געקומען איין זון צוזאמען מיט זיין גאנצע משפחה, כדי צו פראוועגען דעם שבת קודש צוזאמען מיט די אלטע מאמע, אז עס זאל איר נישט זיין אומעטיג אליין, און איר צו דערפרייען מיטן אנגענעמקייט פון שבת קודש.

אין אנהייב האט דער סדר זייער גוט געארבעט, און יעדער איז געווען צופרידן. די אלטע מאמע פון איר זייט, האט זייער ליב געהאט איר הויז און איר סביבה, און האט נישט געדארפט פארלאזן דאס הויז. און אויך די געטרייע קינדער און זייערע משפחות האבן הנאה געהאט צו קומען איינמאל אין עטליכע וואכן צו פראוועגען דעם שבת ביי זייער מאמע אין זייער געבורט־שטאט, און אלעס האט זיך געפירט על מי מנוחות.

ווען עס איז אבער דורכגעגאנגען א לענגערע תקופה, האבן זיך אנגעהויבן צו באווייזן שוועריגקייטן אין דעם סדר, ווי דער שטייגער ביי מענטשן אז נאך די ערשטע תקופה פון התחדשות הייבן זיך אן צו באווייזן סימנים פון ווערן אויסגעריבן... די וועג פון בריסק קיין שאוועל איז איבערהויפט נישט געווען קיין גרינגע נסיעה, און יעדן וואך האבן זיי געדארפט צושטעלן אזא 'גרויסע נסיעה' פון די גאנצע משפחה, און מיטשלעפן אלעס וואס מען דארף פאר שבת קודש, און ווייטער צוריקפארן פון שאוועל קיין בריסק נאך שבת קודש. עס האט שוין אויך פאסירט עטליכע מאל, אז יעדער קינד ביי זיין רייע, האט נישט געקענט מאכן די רייזע צוליב פארשידענע סיבות, און די אלטע מאמע האט געדארפט פראוועגען דעם שבת אליין.

אזוי האבן זיך די קינדער געפינען די גאנצע צייט 'צוריסן' צווישן בריסק און שאוועל, ווען פון איין זייט האבן זיי נישט געקענט פארלאזן די שטאט בריסק, וואו זיי האבן געוואוינט צוזאמען מיט זייערע משפחות און האבן דארט געפירט זייער לעבן, ווען פון די אנדערע זייט האבן זיי געדארפט די גאנצע צייט פארן קיין שאוועל וויבאלד זייער אלטע מאמע איז געווען געוואנדן אין זיי ביי יעדער זאך.

דעריבער האבן זיך די ברידער צוזאמגעזעצט איבערטראכטן די זאך, און זיי האבן באשלאסן אז די בעסטע עצה איז, אז מען זאל אריבערפירן די מאמע אז זי זאל קומען וואוינען נעבן זיי אין בריסק, די עִיר גְּדוֹלָה לֵאלֹקִים. זיי האבן געזוכט און אויך געטראפן א ברייטע דירה פאר די עלטערע מאמע, וואס איז געווען נאנט צו וואו די קינדער האבן געוואוינט, און זיי האבן אויך זיכערגעמאכט אז די דירה וועט זיין באקוועם און פאסיג פאר זייער עלטערע מאמע.

אבער ווי ערשטוינט זענען זיי געווארן ווען זיי האבן דאס פאָרגעשלאָגן פאר די מאמע, האט זי קאטעגאריש אפגעשלאגן צו פארלאזן איר הויז, ערקלערנדיג אז זי איז בשום אופן נישט אימשטאנד צו פארלאזן דעם קליינעם הויז אין שאוועל וואו זי האט שוין געוואוינט צענדליגע יארן. עס האט נישט געהאלפן פאר די קינדער אלע הסברים איבער די פילע שוועריגקייטן וואס זענען דא מיטן סדר וואס איז געווען ביז דעמאלטס, און נישט נאר וועט עס אסאך פארגרינגערן פאר זיי אויב זי וועט זיך אריבערציען קיין בריסק, וועט אויך איר לעבן זיין אסאך גרינגער, ווען זי וועט זיין אויך במשך אלע טעג פון די וואך צוזאמען מיט די קינדער און אייניקלעך, וואס וועלן זיך פרייען איר צו באדינען און מכבד זיין צו יעדער צייט. – די מאמע איז אבער געשטאנען פעסט, מיט אן אומפארשטענדליכע עקשנות, ערקלערנדיג פעסט אז זי וועט אויף קיין פאל נישט פארלאזן דעם שטעטל שאוועל.

נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה, האט מען ווייטער פארגעזעצט מיטן פריערדיגן סדר, מאכנדיג א רייע צווישן די ברידער, ווער וועט דארטן זיין יעדן שבת קודש, אויסער אין די ימים טובים וואס עס איז נישט מעגליך געווען צו ווייל דורכאויס אלע טעג פונעם יום טוב צוזאמען מיט די גאנצע משפחה ביי די מאמע אינדערהיים. צו די ימים טובים פלעגט די אלטע מאמע קומען קיין בריסק, ווי זי האט זייער הנאה געהאט צו זיין צוזאמען מיט אירע פילע קינדער און אייניקלעך, וועלכע האבן אויך זייער הנאה געהאט צו זיין מיט איר, אבער גלייך נאך יום טוב פלעגט זי צוזאמפאקן איר רענצל און צוריקפארן צו איר קליינעם וואוינונג אין שאוועל.

אין איינס פון די ימים טובים, ווען די מאמע האט זיך געפינען ביי אירע קינדער אין די שטאט בריסק, האבן די קינדער אויסגעטראכט א פלאן, וויאזוי צו צוברענגען אז די מאמע זאל צושטימען זיך צו אריבערציען קיין בריסק. וויבאלד זיי זענען געווען פון די תלמידים און אנהענגער פון דער רב פון שטאט, **מרן הגרי"ז זצוק"ל**, באוואוסט אלץ דער **בריסקער רב**, וואס זיי זענען פון די מתפללים קבועים אין זיין בית המדרש און פלעגן אויסהערן זיינע שיעורים, האבן זיי אים געבעטן אז ער זאל זיך באטייליגן אינעם **'סיום מסכתא'** וואס איז פארגעקומען אינעם הויז פון איינער פון די קינדער אום חול המועד. טראצדעם וואס עס איז נישט געווען דער שטייגער צו רופן דעם גרויסן רב און מרא דאתרא פאר יעדן סיום מסכת, האט מען אים געבעטן אז דאסמאל זאל ער מאכן אן אויסנאם, כדי אז ווען ער וועט קומען דארט אין הויז זאל ער פראבירן איבערצורעדן די אלטע פרוי אז זי זאל זיך אריבערציען און קומען וואוינען דא אין שטאט, נאנט צו אירע חשוב'ע קינדער, ערקלערנדיג פארן גרויסן רב, אז זייער מאמע וועט אוודאי נישט אפזאגן פון צו פאלגן אויב ער וועט איר הייסן, און האפנטליך וועט ער איר קענען איבערצייגן דערצו.

הערנדיג זייער פארלאנג, האט דער רב צוגעשטימט, און ער איז ווירקליך אנגעקומען צו די שיינע מסיבה. די אלטע מאמע האט זייער הנאה געהאט זעענדיג לעבטיגע נחת ווען אלע אירע קינדער און אייניקלעך האבן זיך באטייליגט ביי די געהויבענע געשעעניש. דער גרויסער רב, דער גאון און צדיק, האט געלאזט הערן זיסע און פליסיגע דברי תורה בענינא דיומא, אראפלייגנדיג א געשמאקער און וואונדערליכער **'הדרן'** אריינגעפלאכטן אינעם סיום המסכת צוזאמען מיטן אנהייב כנהוג, און די שמחה איז געווען זייער דערהויבן, זייענדיג אן אמת'ע שמחה, פון שמחת התורה צוזאמען מיט שמחת הרגל.

נאכן מעמד, האט דער רב געבעטן אז ער וויל אנווינטשן די אלטע מאמע. ווען מען האט גערופן די מאמע אז דער רב וויל רעדן צו איר, איז זי געווארן זייער באגייסטערט און איז שנעל געקומען. צום ערשט האט איר דער רב ווארעם געוואונטשן און האט אויסגעלויבט אירע קינדער און אייניקלעך, ערקלערנדיג אז זיי זענען פון די בעסטע און חשוב'סטע מענטשן פון די הייליגע בריסקער קהילה. נאכדעם האט ער איר געפרעגט, פארוואס זאל זי נישט אריבערקומען וואוינען דא אין בריסק, און אזוי וועט זי זיין נאנט נעבן איר גאנצע משפחה, און אויך פאר די גאנצע קהילה וועט דאס זיין א כבוד, אז די אֵשֶׁת חָבֵר וועט קומען וואוינען דא מיט אונז, און באשיינען דעם עזרת נשים אין די שבתות און ימים טובים.

די מאמע איז געבליבן אין גרויס פארלעגנהייט הערנדיג די ווערטער פונעם רב, און עס איז געווען קענטיג אויף איר אז זיין לאדענונג האט געלאזט

אויף איר א שטארקן איינדרוק, זי איז אבער נישט געווען אימשטאנד אנצוקומען צו א החלטה.

דער רב מיט זיין קלוגשאפט האט געפילט אז עפעס ליגט דא אין דעם, און דעריבער האט ער איר געזאגט, אז וויבאלד ער פארשטייט אז זי האט א ספעציעלע סיבה פארוואס זי וויל ענדערש בלייבן וואוינען אין שאוועל ווי איידער אריבערצוקומען וואוינען אין בריסק... מעגליך וועט זי אבער אנטפלעקן די סיבה דערצו, און מעגליך וועט מען קענען אויך אין בריסק צושטעלן דער זאך וואס איז דא אין שאוועל?

די אלטע מאמע איז באגייסטערט געווארן פון די פראגע, און זי האט גלייך געזאגט: דער רב איז טאקע גערעכט, איך האב טאקע א ספעציעלע סיבה פארוואס איך וויל בלייבן וואוינען אין שאוועל. און זי האט אנגעהויבן דערציילן איר מעשה.

איר מאן איז געווען א תלמיד חכם און צדיק, וועלכער איז געווען זייער דערהויבן אין תורה און אין עבודת השי"ת. קיין געלט האבן זיי נישט געהאט, און זיי האבן שטענדיג געלעבט אין גרויס ארימקייט און בצמצום, אבער מען האט זיך געפריידט מיט די רוחניות'דיגע גליק, זעענדיג די געבענטשטע תורה פון איר מאן, און מיט די גוטע קינדער וואס דער אויבערשטער האט זיי געשאנקען, וועלכע האבן זיך קיינמאל נישט באקלאגט אויף זייער צושטאנד. און אזוי איז מען שטענדיג געזעצן על התורה ועל העבודה, געניסנדיג מער פונעם עולם הבא'דיגן לעבן ווי פונעם עולם הזה...

איין יאר האט איר מאן זייער שטארק געוואלט קויפן אן אייגענעם מהודר'דיגן **'אתרוג'**, וויבאלד די מצוה פון אתרוג איז פון אייביג אן געווען זייער באליבט ביי אים, און דעריבער איז אים נישט גענוג געווען צו שאקלען מיטן אתרוג פונעם קהל פאר די קורצע צייט וואס ער האט עס געקענט האלטן, ווי דער שטייגער איז געווען אין יענע צייטן... דעריבער האבן מיר טאג־טעגליך צוזאמגעקליבן עטליכע פרוטות, כדי צו קויפן אן אתרוג פארן יו"ט סוכות.

און ווען עס איז געקומען נאנט צו דער הייליגער יום טוב סוכות, איז דער מאן ארויסגעגאנגען צו דער הויז פונעם אתרוג סוחר, האלטנדיג ביי זיך דעם גרויסן סומע געלט וואס מיר האבן צוזאמגעקליבן מיט אזויפיל פלאג, און ער האט דארט טאקע געטראפן א הערליכן און מהודר'דיגן 'אתרוג'. ווי שטארק איז אים אבער געווארן זויער אויפן הארץ, וויבאלד נאכן אפציילן אלע פרוטות וואס מען האט זיך צוזאמגעקליבן, האט אים נאך געפעלט צען רובל צו קענען צאלן דעם פולן פרייז פארן הערליכן אתרוג.

הערנדיג דאס, איז ער זייער ענטוישט געווארן, האט די אלמנה ווייטער דערציילט, און ער איז אהיימגעקומען מיט א צובראכן הארץ, האבנדיג גרויס צער דערפון.

ווען איך האב געזען ווי גרויס איז זיין צער, האב איך זיך אנגעגארטלט מיט שטארקייט, און איך האב אים פארגעלייגט די פאלגנדע הצעה: אט האבן מיר א גרויסער און שיינער הויז, און פון אונזער זייט וואלטן מיר זיך געקענט מצמצם זיין און זיך באגיין אויך מיט א קלענערן הויז... קענען מיר דעריבער פארקויפן אט דעם גרויסן הויז, און אנשטאט דעם וועלן מיר קויפן א קלענערן הויז, און מיט די געלט וואס בלייבט איבער וועסטו קענען קויפן א מהודר'דיגן אתרוג אזוי ווי דיין הארץ גלוסט! – אין יענע צייטן, ווען די מעשה איז פארגעקומען, איז דאס געשעפט פון פארקויפן און קויפן הייזער נישט געווען אזוי שווער און קאמפליצירט אזוי ווי אין אונזערע צייטן, און די האלצערנע הייזער זענען נישט געווען אזא טייערער 'פארמעגן' אזוי ווי היינטיגע צייטן, אויך די מעבל זענען נישט געווען אזויפיל, און אויך דאס אריבערציען איז געווען אסאך מער גרינג און פשוט, אן צו דארפן אונטערשרייבן פילע דאקומענטן און קאנטראקטן, און אריבערפירן די דירה אויפן נאמען פונעם קונה א.א.וו. – ווירקליך איז די הצעה אנגענומען געווארן מיט פרייד, מיר האבן זיך אריבערגעצויגן צו א קלענערער הויז, און מיט די געלט וואס איז איבערגעבליבן איז דער מאן ארויסגעגאנגען מיט גרויס שמחה און געקויפט דעם הערליכן "פרי עץ הדר", די שענסטע וואס ער האט געקענט טרעפן!

די שמועה האט גלייך באקומען פליגלען, און די מענטשן פון שטאט האבן שוין געוואוסט איבערן אתרוג וואס מיין מאן האט געקויפט לכבוד סוכות, און אסאך אידן האבן געבעטן אז זיי ווילן זוכה זיין און מאכן א ברכה דורכן יו"ט איבערן מהודר'דיגן אתרוג!

אין איינס פון די ערב יו"ט טעג, איז אריינגעקומען א שְׁכֵנָה אין הויז, און אזוי רעדנדיג מיט מיר האט זי געזאגט אז וויבאלד זי האט געהערט וועגן דעם הערליכן אתרוג וואס מיר האבן געקויפט, וואלט זי עס געוואלט זען. איך בין צוגעגאנגען מיט איר צום שאפע, און מיט גרויס פארזיכטיגקייט האב איך ארויסגענומען דעם אתרוג, און עס דערלאנגט פאר די שכנה. זי האט גענומען דעם אתרוג אין האנט מיט גרויס באגייסטערונג, און עס באטראכט פון אלע זייטן. אבער ווי עס זעט זיך אויס, איז זי נישט געווען צוגעוואוינט איבער וויאזוי מען האלט אן אתרוג, און וויאזוי צו אכטונג געבן דערויף, און נאך עטליכע סעקונדעס האט זיך דער אתרוג אויסגעגליטשט פון צווישן אירע פינגער, און בליץ־שנעל איז עס אראפגעפאלן אויף דער ערד, ווען דער הערליכער פיטם האט זיך אפגעבראכן דערפון, און דער אתרוג איז געווארן **פסול**!

זעענדיג דעם צובראכענעם און פסול'ן אתרוג פאר מיינע אויגן, האב איך נישט געוואוסט וואס צו טון מיט זיך פון גרויס צער און ווייטאג, און איך האב זיך גענומען וויינען און וויינען, טראכטנדיג צו מיר: וואס וועט מיין מאן זאגן ווען ער וועט עס זען? ער וועט דאס דאך אוודאי נישט קענען אויסהאלטן!

ווען מיין מאן איז אהיימגעקומען פון בית המדרש, און געזען ווי איך גיי ארום מיט פארוויינטע אויגן, אנגעפילט מיט טרערן, האט ער גלייך פארשטאנען אז עפעס ליגט אים, און שטארק באזארגט האט ער ליבליך געפרעגט: **וואס איז געשען?** בין איך צוגעגאנגען מיט אים צום שאפע, און אים געוויזן דעם אתרוג, דערציילנדיג די גאנצע געשעעניש וואס איז נארוואס געשען!

צו מיין שטוינונג, איז מיין געבליבן **בְּשַׁלְוַת הַנֶּפֶשׁ**, אן זיך צו רעגן אדער זיין דערצערנט! ער האט נאר געזאגט מיט פארשטאנד: **וואס האבן מיר דען געוואלט? וואס איז דא געווען די גאנצע תכלית? צודען האבן מיר געדארפט א גשמיות'דיגער אתרוג פרוכט? – אונזער גאנצער רצון איז דאך געווען, צו מאכן נחת רוח פאר השם יתברך! און דערמיט האבן מיר געוואלט מקיים זיין די מצוה וואס דער אויבערשטער האט אונז באפוילן, וועלנדיג אים דינען באמונה, בכל לב ונפש!** און אויב מיר פון אונזער זייט האבן אויסגעפילט אונזער אויפגאבע בשלימות כדי צו טון די מצוה פון השי"ת, און מיר האבן צוזאמגעקליבן און אפגעשפארט פון אונזער ביסן פון מויל פאר א לאנגע צייט, און מיר האבן פארקויפט אונזער הויז און זיך מטריח געווען צו קויפן די מצוה, קומט אויס דערפון אז אונז האבן פון אונזער זייט זוכה געווען צו מאכן נחת רוח פאר השם יתברך בשלימות! און אויב **רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ** איז געווען אז למעשה בפועל זאלן מיר נישט מאכן א ברכה אויף דעם אתרוג, וואס האבן מיר דען זיך צו באקלאגן און נאכטראכטן נאכן פירונג פון השי"ת, וויסנדיג אז מיר גייען דאך חלילה נישט בלייבן אן די מצוה, און מיר וועלן פונקט ווי יעדע יאר מאכן די ברכה אויפן 'אתרוג הקהל' אזוי ווי די אנדערע מענטשן פון די קהילה!

די שמחה פונעם יו"ט איז בכלל נישט געווען צושטערט ביי אונז אין יענעם יאר, נאר פונקט פארקערט, ווען דער רב פון שאוועל האט געהערט די גאנצע מעשה, איז ער ספעציעל געקומען אונז באזוכן, און ער איז ארויס פון התפעלות זעענדיג די רעאקציע פון מיין מאן, וועלכער האט נישט געצערנט און זיך נישט וויסנדיג געמאכט פון די גאנצע זאך, און ער האט נאר געזאגט אז דער אויבערשטער אליין איז **עָשָׂה וְעוֹשֶׂה וְיַעֲשֶׂה לְכָל הַמַּעֲשִׂים!**

ווען דער שאוועלער רב האט געהערט זיינע ווערטער, האט ער געזאגט אז עס איז גרעסער די נחת רוח אויבן אין הימל פון דער סוף פון די מעשה, ווי פון דער אנהייב פון די מעשה... און אדרבה! אין זכות פון די ערשטע מצוה, וואס ער האט זיך אזוי שטארק געפלאגט מיטן קויפן דעם אתרוג, האט ער זוכה געווען בייצושטיין אינעם גרעסערן נסיון, נישט צו ווערן אין כעס און נישט ארויסצוגיין אין א חלוקת מיט יענע שכנה... וואס דורכדעם איז געווארן א געוואלדיגער קידוש השם! און א וואונדערליכע שמחה אינעם פמליא של מעלה!

אינעם זעלבן געלעגנהייט האט דער שאוועלער רב געזאגט, איבער דעם קליינעם הויז וואס מיר האבן ספעציעל געקויפט כדי צו פארדינען עטליכע רובל כדי צו האבן די גאנצע געלט צו קענען קויפן דעם אתרוג – אז דער גאנצער הויז ווערט גערעכנט אזוי ווי א "**חֶפְצָא דְּמִצְוָה**", וויבאלד דאס גאנצע קויפן איז נאר געווען צוליב די מצוה!

**פון דעמאלטס און ווייטער, האט די אלמנה אויסגעפירט איר וואונדערליכע מעשה, פיל איך א ספעציעלע קִרְבַת אֱלֹקִים אין דעם הויז, און די ווערטער פונעם שאוועלער רב וואס ער האט דעמאלטס געזאגט, שטייען שטענדיג פאר מיינע אויגן, און איך פיל פאר זיך א ספעציעלן זכות צו וואוינען אין דעם הויז, וואס דער גאנצער הויז ווערט גערעכנט פאר א חֵפֶץ שֶׁל מִצְוָה! די ווענט פונעם הויז זענען איינגעזאפט מיט אַהֲבַת ה' וַעֲבוֹדָתוֹ בְּלֵבָב שָׁלֵם. און יעדן מאל וואס איך גיי אריבער נעבן דעם גרויסן הויז וואס מיר האבן פארקויפט, ווערט מיין הארץ אנגעפילט מיט שמחה של מצוה, איבער דאס מסירות נפש מיטן עס פארקויפן!**

**איך בין בשום אופן נישט מסוגל צו פארלאזן מיין ספעציעלן הויז, וואס איז געקויפט געווארן לצורך מצוה, און וואס האט מיר אויסגעלערנט א ספעציעלן לערנונג איבער וויאזוי צו דינען השם יתברך, און וויאזוי זיך אומצוגיין בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ, אז מען זאל נישט ווערן אין כעס אויף קיין שום זאך אין דער וועלט, און מען זאל אננעמען בלבב שלם יעדע הנהגה מיט וועלכע דער אויבערשטער פירט אונז!**

**און ווירקליך איז די אלטע פרוי געבליבן וואוינען ווילאנג זי האט געלעבט, דארט אין יענעם הויז, וואס איז געווארן א סימבאל און א ביישפיל פאר גוטע און אויסגעאיידלטע מידות בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ.**


די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!



יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173